# נישט די מתים לויבן גאָט

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט,
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.
און אַזוי צוזאַמען ווי מיר זיינע אַלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן־תורה
אַזוי וואָר זיינען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין.

דעם צעצווייגטן קאָפּ, די פרומע אויגן,
דאָס ציטערדיקע מויל פון אַ קליין יידיש קינד
וועל איך איינוואונדערן

אין אזא פאַרכטיק מעשהלע.
כ׳וועל פאַר אים אויסשטערענען אַ יידישן הימל
און אים זאָגן אַזוי:
ס׳יידישע פאָלק איז אַ פייערדיקע זון
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.
לערן זשע, יינגעלע, טייער יידיש יינגעלע,
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

ס׳גאַנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז ביים באַרג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה.
געשטאָרבענע, לעבעדיקע, נאָך ניט געבאָרענע.
אַלע יידישע נשמות האָבן אָפגעענטפערט:
מיר וועלן האָרכן און הערן.
דו, דאָס טרויעריקסטע יידיש יינגעלע פון אַלע דורות,
ביזט אויך ביים באַרג סיני געשטאַנען.
דיינע נאָזלעכער האָבן געשמעקט
דעם ראָזשינקע־מאַנדל פון יעדער וואָרט אין דער תורה,
ביזט געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ שטיק באַרג ווי מיט אַ טלית.
ס׳איז געווען שבועות — יום־טוב פון גרינס.
האָסט ווי אַ זינג־פויגל מיטגעזונגען:
כ׳וועל האָרכן און הערן, הערן און האָרכן,
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

יידיש יינגעלע, אָנגעצייכנט איז דיין לעבן
אויפן אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
האָסט קיינמאָל נישט געפעלט,
האָסט נישט געטאָרט פעלן.
מ׳האָט דיך אויסגעהאָפט און אויסגעבעטן,
אַלעמאָל ווען מיר זיינען געווען, ביזטו אויך געווען.

און ווען מיר זיינען געוואָרן אויס,
ביזטו מיט אונדז נישט געוואָרן.

און אַזוי צוזאַמען ווי מיר זיינען אַלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן תורה,
אַזוי וואָר זיינען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין.
פון אומעטום זיינען טייערע נשמות אָנגעפלויגן,
אויסגעלעבטע, יונג געשטאָרבענע,
פאַרפייניקטע, אויף אַלע פייערן אויסגעפּרואווטע,
נאָך נישט געבאָרענע,
אַלע געשטאָרבענע יידן, פון עלטער-זיידן אברהם אָן,
זיינען געווען אין לובלין ביים גרויסן חורבן,
אַלע וואָס זיינען ביים באַרג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה
האָבן גענומען אויף זיך די הייליקע מיתות.
מיר ווילן מיטשטאַרבן מיטן גאַנצן פאָלק,
מיר ווילן נאָכאַמאָל טויט ווערן,
האָבן די נשמות געיאָמערט.
די מאַמע שרה, די מוטער רחל,
מרים און דבורה הנביאה,
זענען מיט תחינות און געזאַנגען אויסגעגאַנגען.
משה רבינו וואָס האָט אַזוי נישט געוואָלט שטאַרבן,
ווען זיין צייט איז געקומען,
איז נאָכאַמאָל געשטאָרבן.
און זיין ברודער אהרן,
און דוד המלך
און דער רמב״ם, דער ווילנער גאון,
דער מהר״ם און מהרש״ל,
דער חוזה און אברהמעלע איינגער.
און מיט יעדער הייליקער נשמה
וואָס איז אויסגעגאַנגען אין יסורים,

זיינען מיטגעשטאָרבן הונדערטער נשמות
פון טייערע געשטאָרבענע יידן.

און דו, געשמאַק יינגעלע, ביזט דאָרטן אויך געווען.
דו, אָנגעצייכנטער אויף דעם אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
ביזט דאָרט אויך געווען און געשטאָרבן.
זים ווי אַ טויב האָסטו געשטרעקט דיין האַלדז
און געזונגען מיט די אָבות און די אמהות.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

פאַרמאַך די אויגן, ליב יידיש יינגעלע,
און דערמאָן זיך ווי דער בעל־שם האָט דיך איינגעוויגט
אין זיינע אָרעמס,
ווען ס׳גאַנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז אויסגעגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן פון לובלין.

און איבער די גאַז־קאַמערן,
און הייליקע געשטאָרבענע נשמות,
האָט זיך געררויכערט אַן איינזאַמער, אַ פאַרלאָשענער סיני.
יינגעלע מיטן צעצווייגטן קאָפּ,
פרומע אויגן און ציטערדיקן מויל,
דאָס ביזטו דאָך געווען, די שטילע, קליינע, עלנטע,
אָפּגעגעבענע תורה.
ביזט געשטאַנען אויפן סיני און געוויינט,
אַריינגעוויינט דיין געוויין אין אַ טויטער וועלט.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

און אַזוי האָסטו געוויינט:
די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט.
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.